NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13291

DERTSEYLUNGEN

Georges Duhamel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאפולערע ביבליאטעק

זש. דיואַמעל

דערציילונגען

סעריע בעלעטריסטיק—4 №

קאאפעראטיווער פארלאג
קולטור-ליגע

[84—3]
3260

פּאָפּולערע ביבליאָטעק

זשאָרזש דיואַמעל

דערציילונגען

(מילכאָמע-מאָטיוון)

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע“
קיעוו—1925

סעריע בעלעטריסטיק   № 4

קיעווער שול פון פאליגראפישער
אינדוסטריע אין נאמען פון
ל. באלאבאנאָוו.
באשט. 1143—4000 עקז.
ע. פ. פ. № 6124

רעוואָס פּאַלאַטע

אין רעוואָס פאַלאַטע איז אומעטיק ניט געווען.

גערויש פון שלאכט, גערודער פון גייענדיקן גע־פור, עפילעפטישע*) קראַמפן פון קאַנאָנאַדע, געפייף און סאַפעריי פון האַרמאַטן האבן זיך דערטראָגן ביז די טראַנשייען און געמאכט ציטערן זיי מיט שטיל־ווערנדיקן צאָרן, ווי ס׳ווערן שטילער אין טיפעניש פון אַ גראָבן די שוואַכע אפקלאנגען פונם יאַם־געווי־טער.

נאר צו דעם ראָש איז דאס אויער געוויינט גע־ווען, ווי צום גאַנצן גאנג פון אט דעם צארעדיקן לעבן — און אין רעוואָס פאלאטע איז אומעטיק ניט געווען.

דאס איז געווען אַ גראָד און אַ לאַנג צימער, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען פיר בעטן און פיר מענ־טשן. נאר מ׳האט עס אַ נאמען געגעבן רעוואָס פא־לאטע, ווייל די פערזאן פון רעוואָ האט דא אנגעפילט מיט זיך דעם גאנצן רוים ביז די ברעגן. דאס צימער

*) עפילעפטישע — ניכפעדיקע, ווי בא איינעם וואס ליידט אף פאליקע.

איז געווען נאך דער מאס פון רעוואַ, אַקוראַט ווי א מאלבוש, וואס איז צוגעשניטן פונקט נאָכן מענטשן. אנהויב נאַיאבר האט קאַפּראַל*) טעטאַר געלאזט אין גאנג אלע נידעריקסטע אינטריגעס, קעדיי צווינגען רעוואַ ער זאל איבערבייטן די פאלאטע, און די אינטריגע האט זיך איינגעגעבן, — מ׳האט דעם אומגליקלאכן אריבערגעפירט אפן אויבערשטן שטאק, אין א גרויסער פּאַלאַטע אף צוואנציק ערטער — א גלאנצנדיקע מידבער, א ניט היימלאכע, א פארהעסלאכטע פון שארפן ליכט. אין דריי טעג איז רעוואַ אזוי מוירעדיק אפגעשוואכט געווארן, אז מ׳האט געמוזט אים איילִיק אומקערן אין זיין פריערדיקן ווינקל הינטער דער טיר, וווּהין דאס ווינטערדיקע ליכט פלעג דערגיין א ווייכס און א ליבלאכס.

און ס׳פלעג פאסירן אזוי: אז מע פלעג אין דער דיוויזיע אריין ברענגען גאר א שווער פארווונדעטן, עפּעס א זעלטענעם פאל, דאן פלעג מען בעטן פרובאָגאַן זיך דורכגיין צו רעוואַ און „איבעררײדן מיט אים“.

רעוואַ פלעג זיך ברעקלען אביסל, נאר פארענדיקן דערמיט, וואס ער פלעג זאגן:

— נו, רעכט! מיילע. רעכט! לייגט אים אין מיין פאלאטע, אט דעם מענטשן.

און רעוואַס פאלאטע איז געווען טאמיד פול. אף אנקומען אהער איז געווען קארג א געוויינלאכע

*) קאַפּראל — אינגערער אונטעראפיצער אין דער פראנצויזישער ארמיי.

צעשעדיקונג: א צעמורשטער פוס, אדער א שטיקל אמפּוטאציע[1]) פון א האנט, אדער נאך אזא קלייניקייט. מע האט געמוזט האָבן „א זעלטענע, מערקווירדיקע מייסע“,—א דורכגעשטאכענעם בויך, אדער א צעשע־דיקטן רוקן־מארך, אדער איינעם פון יענע פאלן, „ווען דער שארבן איז דורכגעבראָכן אדער די האש־טאָנע גייט שוין ניט פון דארטן, פונוואנען זי איז געגאנגען ביז דער מילכאמע“.

— דא,—האט רעוואָ גערעדט מיט שטאלץ,—דא זיינען אַלץ כידושימדיקע פאלן.

דא איז געווען סאנדראפ, וואס פלעג „אָפּטאָן, וואס מע מוז, דורך אַלעכל פונדערזייט“. סאַנדראַפּ, א קליין מענטשל פון צאָפן, מיט א דיקער נאז, ווי א יונגער עפּל, מיט שיינע סאמעטענע ליכטיק־גרויע אויגן.

ער איז געווען פארווונדעט דריי מאל, און אלע פרימארגן פלעג ער זאָגן: „זיי ווואלטן זיך שטארק פארכידעשט, די באָשן[2]), ווען זיי זאלן מיך דערזעען“.

דא איז געווען רעמיזאָ, וואס האט אַף דער ברוסט געהאַט א גרויסע ווונד, און דערפון איז געווען דער גערויש: פּאַו־אַו, ראַו־אַו, פּאַו־אַו, ראַו־אַו...

און רעוואָ האט אים געפרעגט גלייך דעם ערשטן טאָג:

— צום טייוול, וואס מאכסטו עס פאר א ראַש? מיטן מויל מאכסטו עס, צי וואס?

מיט א געפאלענעם קאל האט יענער געשעפּטשעט:

---

1) אמפּוטאציע — די אָפּעראציע פון אפּשניידן א גליד.

2) באָשן — א צונעמעניש פון די דייטשן.

— דאס ־איז אין בויך באַ מיר...

דא איז געווען, ענדלאך, מערי, וואס א גראנאטע האט אים צעבראכן דעם רוקן־זייל, און ער האט „שוין ניט געפילט מער זיין אונטערשטע העלפט, ווי זי וואלט גאר אינגאנצן ניט געווען".

אט דאס גאנצע קליינע וועלטל האט געלעבט, ליגנדיק אפן רוקן יעדער אף זיין ארט. זיי האבן גע־קענט איינע די אנדערע מער נאכן קאל, ווי אין די פענימער. סאַנדראָפּ איז שוין דאָ געווען־אַ היפּשע צייט, ווען רעוואָ, זעענדיק איינמאל ווי אזוי ער גייט איבער פון ברעג געלעגער אפן טראגבעטל, מע זאל אים אפפירן צום איבערבאַנדאַזשירן, האָט זיך פלוצים אנגערופן צו אים:

— הער, סאנדראפּ, די קאפּ באַ דיר איז אַ קאָמישע אַזאַ... און די האר עפּעס אזוינע מעשונעדיקע...

פרוי באָגאַן פלעג קומען צוגיין צו אַכט אַזייגער און באלד אנהויבן וואָרטשען:

— עפּעס שמעקט דא שלעכט. אָך, אָך, מיין אָרע־מער רעווא, איך וועט זיך, אז איר האט ש־ין ווידער אָנגעמאכט.

רעוואָ פלעג זיך אויסדרייען פון ענטפער:

— און איך בין געשלאפן — פלעג ער זאגן — גאנץ גוט. יא, מע קאן ניט זאגן, געשלאפן בין איך גאנץ גוט.

דענסטמאל פלעג די גוטע פרוי צערוקן די פּאָר־היינגלאַך אין, שטיקנדיק זיך פון אומדערטרעגלאַכן רייאַך, ריידן ברויגעזדיק:

— אָך, רעוואָ! איר זייט גאר קינדערש! איר קענט זיך קיינמאל ניט איינהאלטן.

רעוואָ פלעג שוין מער ניט קאָנען מאַכן קיין אָנ־שטעלן. ער פלעג זיך מוידע זיין פּלעגמאַטיש*):

— זע נאַר, עמעס טאַקע! און נאָך דערצו אַ פּול קיילכעלע! וואָס זאָל מען טאָן, האַרציקע שוועסטער, איך קאָן דאָך ניט אַנדערש!

פּרוי באַגאַן גייט אַוועק, קומט צוריק, זוכנדיק ליילאַכער און וואַסער, ראַמט אונטער רעוואָ, ווי אַ קליין קינד, מוטיק שטעקנדיק אירע ווייסע הענט אין טינעף און וואָרטשענדיק:

— איך בין זיכער, אַז איר וואָלט זיך געקאָנט איינ־האַלטן, רעוואָ. זעט נאַר, וואָס איר האָט אָנגעמאַכט.

נאָר דער פאַרוווּנדעטער, פאַר כאַרפּע און טיילווייס פאַר פאַרצווייפלונג, האָט פּלוצים זיך צעקרעכצט:

— פּרוי באַגאַן, איך האָב דאָך עס ניט געוואָלט, איך בין דאָך ניט געווען אַזאַ, איידער איך בין געווען אַ סאָלדאַט...

פּרוי באַגאַן צעלאַכט זיך, און רעוואָ, אָן שום אי־בערגאַנג, צעלאַכט זיך אויך, ווייל זיין גאַנצער קער־פּער און זיין גאַנצע נעשאָמע זיינען באַשאַפן, קעדיי צו לאַכן, און ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן אַפילע אין די שווערסטע צייטן.

אַט דער ענטפער איז אים געפעלן געוואָרן און ער פלעג אים אָפּט נוצן, און, מוידע זייענדיק אָף זיין שוואַכקייט, פלעג ער אַלעמען זאָגן:

„איר פאַרשטייט, איך בין דאָך ניט געווען אַזאַ, איידער איך בין געווען אַ סאָלדאַט".

---

*) פּלעגמאַטיש — גלייכגילטיק, קאַלטבלוטיק.

איינמאל אינדערפרי, צוקלייבנדיק מעריס געלע־גער, האט פרוי באַגאַן ארויסגעלאזט א געשריי: דער פאַראליטיקערי¹) האָט אנגעמאכט אונטער זיך.

— ווי! מערי! איר אויך, אומגליקלאכער!

מערי, א געוועזענער דארפישער שיינער יונג מיט א ווייסן לייב, האט א קוק געטאָן אף זיינע אפגעש־טארבענע פיס און א זיפץ געטאָן:

— מעגלאך, מאדאַם, איך שפיר ניט גאָרניט.

נאר רעוואָ האָט געשיינט. אלע אינדערפרי פלעג ער שרייען:

„ניט איך איינער! ניט איך איינער!"

און קיינער האָט אים ניט פירגעווארפן זיין פרייד, ווייל אז מע נידערט אראָפּ אין דער סאמע טיפעניש פון לייד, איז עס א גרויסער נאכעס געפינען צו זיך א גלייכן.

די גליקלאכסטע פראזעס גילטן נאָר אף א צייט. רעוואָ, וואָס האָט גע״האט סייכל, האָט דערפילט, אז ס'איז געקומען דער מאמענט, ווען מער קאָן מען שוין ניט זאָגן: ער איז ניט געווען אזא איידער ער איז געווען א סאלדאט.

דענסטמאל האט ער געקראגן א בריוו פון פאָטער. די בריוו איז אנגעקומען אומגעריכט, אינדערפרי. מע איז געקומען אים אפוואשן דאס פּאָנים און אונטער־שערן אמעריקאניש — אזוי האָט זיך אים פארוואלט — זיינע גרויסע האללישע²) וואנסעס. דער גאנצער שפּי־

¹) פאראליטיקער — א געליימטער.

²) האללישע — פראנצויזישע.

טאָל האט זיך פאַרזאמלט א קוק טאָן אף רעוואָ, וואס האט געקריגן אן אויסזען פון א קראנקן דזשענטל-מען*). ער האט א דריי געטאָן די בריוו אין זיינע פינגער, וואס זיינען געווען פארהעסלאכט פון קראנק-הייט און ארבעט, און דערנאָך געזאָגט אומרואיק: „וואס ווילן זיי פון מיר מיט אט דער בריוו?" רעוואָ איז געווען א באווייבטער, נאר שוין זעקס כאדאשים האט ער קיין בריוו ניט געהאט פונם ווייב. ער האָט זיך צום עלנט צוגעוויינט.

ער איז געלעגן אין זיין פאלאַטע הינטער דער טיר און קיינעם ניט אנגערירט. צו וואס זשע שיקט מען דא אהער בריוו?

— וואס ווילן זיי דארטן האבן פון מיר? — האט ער געבאזערט, און האָט דערלאנגט די בריוו דער פרוי באגאן, זי זאָל איבערלייענען.

דאס איז געווען א בריוו פון רעוואָס פאָטער. אין צען שורעס, אנגעשריבענע מיט פלייס, דורכויס אין פארצוקטע שפיצן, דריידעלאך און טאַגן, האט דער אלטער מוידיע געווען, אז ער קומט צו פארן אין נא-ענטסטן, נאר אומבאשטימטן קאָרעוו.

צו רעוואָן האט זיך ווידער אומגעקערט געלעכ-טער, ווי דער העכסטער זין פון זיין לעבן.

א גאנצן טאג האט ער זיך געשפילט מיט דער בריוו, גערן זי באוויזן און גערעדט:

— מיר וועלן האבן א גאסט. מיין פאטער קומט צו אונז זיך זעען.

---

*) דזשענטלמען—איינגלש: אן איידלמאן.

דערנאָך האָט ער אַנטדעקט בעסאַד:

— מײַן פאָטער, איר ווייסט, איז אַ וואוילער מענטש, נאָר סע גייט אים ניט. איר וועט אים זעען, דעם פאָטער מײַנעם. ער קען אײַך אַלערליי שטיק, און דערצו טראָגט ער אַ קראַגנדל.

און ווידער איבערגעכאַזערט:

— מײַן פאָטער? איר וועט אים זעען: ער טראָגט אַ קראַגנדל.

טעג זײַנען געגאַנגען, און רעוואָ האָט אַזוי אָפט גערעדט וועגן זײַן פאָטער, אַז ער האָט סאַפּקאַלסאָף שוין ניט געוווסט, צי איז שוין געווען בײַ אים דער פאָטער זײַנער, צי דאַרף ער נאָך ערשט זײַן. אַזוי, מיטן איבערשטענס הילף, האָט רעוואָ שוין קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז זײַן פאָטער איז צו אים צו גאַסט גאָרניט געקומען, נאָר שפּעטער, קעדיי אָפּצײַכענען אָט די מערקווירדיקע עפּאָכע, האָט ער געהאַט ווערטער פול מיט באַטײַט. ער פלעג זאָגן: „דאָס איז געווען, בעת מײַן פאָטער איז געקומען צו מיר צו גאַסט“.

רעוואָן האָט מען געפּעסטעט. ציגאַרן, געזעלשאַפט האָבן אים קיינמאָל ניט אויסגעפעלט. און ער פלעג מיט צופרידנקייט זיך מודיע זײַן: „דאָ אין שפּיטאָל בין איך, ווי אַ קינד“. ער האָט געוואָלט זאָגן דערמיט, אַז מע זעט אים צו, ווי אַ קינד.

אַגעוו, רעוואָ איז געווען פון די כאַלוים, מיט וועלכן ס'איז ניט שווער אויסצוקומען. ס'איז גענוג געווען טאַררעסאַן זאָל זיך באַווייזן אויף זײַנע קוליעס, אַז דער שטאַרבנדיקער זאָל אויסשרייען: „אָט איז נאָך אײנער געקומען מיך אָנקוקן. אַז איך זאָג אײַך,

איך בין דאָ, ווי א קינד". טאררישאן איז אויסגע־שטאַנען די אייגענע אָפּעראציע, וואס רעוואָ. בא זיי ביידן איז געווען א פארוויקלטער פראצעס אין דער קני. ניטט מער, וואס די אָפּעראציע איז געלונגען בא טאררישאנען און האט געבראכט ווינציק נוצן רעוואן, ווייל „דאס איז געווענדט אינם בלוט".

וועגן דער אָפּעראציע גופא האט רעוואָ זיך אויס־געדריקט, אז מע האט אים „צעהאקט די קני". ער האט געקוקט אף טאררישאַנען און, פארגלייכנדיק זיך מיטן געזונטווערנדיקן, האט ער מיט זיכערקייט פארמולירט:

— אונז ביידן האט מען צעהאקט. ניט מער, וואס אין מיר האט דאס ווייב געפעלשט, אויסער דעם האב איך צופיל געארבעט.

דאס איז געווען דער איינציקער רעמעז, וואס רעוואא האט געגעבן וועגן זיינע מישפּאָכע־קלעמענישן און זיין ווייפולן אָוואר. און, אינדערעמעסן, וואס איז דאָ צו טראכטן וועגן די אלע מייסעס, קארג איז דא צו טאן מיטן פוס און מיט דער אייביקער קינע, פון וועלכער דו קאנסט זיך ניט פארהיטן—דערצו, איבערן פוס, מאכסטו נאך אונטער זיך... רעוואָ פאררויכערט א ציגאר און זאגט מיט טמימעס:

— עפּעס שמעקט שלעכט, מיסטאמע דו, סאנ־דראפּ.

מיסטאמע איז עס געווען סאנדראפּ. ווייל רעוואָ, וואס האט שוין לאנג ניט געשפּירט זיין אייגענעם רייאך, פלעג נאך אמאל שפּירן דעם רייאך פון אן אנדערן.

אינאָווגט האט זיך יעדער געגרייט צו נאַכט־שלאָף אביסל באשעפטיקט, ווי פאר א רייזע. רעמיוזאָן מאַכט מען די שטעך אין דיך, און ער, שווימנדיק אין שווייס, טרעט גלייך אריין אין אַ גאניידן, ווו פיבער באַווייזט אים זאכן, וועגן וועלכע ער וויל נאכדעם קיינעם ניט דערציילן. מעָרין גרייט. מען צו א שאל יויך — ער דארף נאר אויסשטרעקן די האנט, און זי איז בא אים. סאנדראפ רויכערט אויס זיין לעצטע ציגארעט, און רעוואָ בעט זיין קישעלע. דאס איז א קליין שטיקל וואטע, וועלכס מע לייגט אים אונטער דער זייט. ערשט דאן בארואיקט זיך רעוואָ און זאגט: „נו, וואויל, אזוי קאן מען שוין איינשלאפן". און די כאלאָים נעמען בלאנקען אין געדיכטע שוידערלאכע כאלוימעס, ווי אין א וואלד, וואס איז פול מיט לאקערן*), און יעדער יאגט נאך זיינע אייגענע זעענישן.

אין דער צייט, ווען דער גייסט פליגלט זיך, ליגן פיר קערפערס אומבאוועגלאך, און א קליין נאכט־לעמפל באלויכט זיי.

ווען דער דעזשורנע, שלעפנדיק די פאנטאפל, שטעקט אריין די קאפ אין טיר, הערט די פיר אומרויקע אטעמס און זעט דעם האלב־אפענעם ניט היגן בליק רעמיוזאס, איז קוקנדיק אף אט דעם מענטשלאכן ברוך, דעם ארויסגעשליידערטן אפן ברעג, שטעלט ער זיך פאָר א טראטוורע, ווי זי שווימט אפן יאַם, און אף איר פיר גופים.

---

*) לאקער — א באהאלטן ארט, פון וואנען מע קוקט נאך. קעדיי אָנפאלן אף עמעצן.

די שויבן פון צימער האבן אלץ נאך געציטער פון שלאכט־גערויש. ס׳פלעג זיך מאַכן, אז אף איבעס נאכט פלעג די שלאכט זיך אפשטעלן, ווי א האלצ־העקער, וואס כאפט איבער דעם אָטעם צווישן צוויי שלעג פון דער האק. דענסטמאל פלעגן זיי דערוואכן אין אט דער טיפער שטילקייט מיט א מאדנער שרעק און טראכטן וועגן דעם, וואס קומט דארט פאר אין שלאַכט אין אט דער צייט, ווען מ׳הערט גארניט מער.

ווינטער־פרימארגן פלעג אופשטיין ענדלאך, ווי א פוילע, שמוציקע מעכאשייפע, וואס וואכט לאנג־זאם אוף. ס׳פלעגן קומען די באדינערס וואשן די דילן. זיי פלעגן פארבלאזן די שטארבנדיקע נאכט־לעמפלאך, וואס שטינקען מיט טשאַד. דערנאך—טו־אלעט, דערנאך—וויטעק און געשרייען באם איבער־באנדאזשירן.

אן אנדערס מאל, אינמיטן די געוויינלאכע טאג־באשעפטיקונגען, פלעג די טיר גרויסארטיק זיך צע־עפענען און ס׳פלעג אריינקומען א גענעראל אין באגלייט פון זיינע אדיוטאנטן. ער פלעג בלייבן שטיין אוויילע אף דער שוועל, אפגעשלאגן פון שווערן רייאך, דערנאך פלעג ער אריינגיין אין פאלאטע און פרעגן, ווער ליגט דא. דער דאקטער זאגט אים עטלאכע ווערטער אפן אויער. דער גענעראל ענטפערט נאר:

— אָ! וואוילן! אזוי! אזוי!

נאך זיין אוועקגיין פלעג ר׳עווא טייקעף נעמען פארזיכערן:

— אט דער גענעראל, ער גייט קיינמאל ניט פאר־ביי, ער זאל מיך ניט באזוכן. איך קען אים...

נאכדעם איז שוין א גאנצן טאג געווען ווען וואס אבייריידן.

ר' ס'פלעגן אויך אריינקומען אסאך פּאָשעטע אָפיצערן און העכערע. זיי פלעגן קוקן אַפן פּאַפּיר, וואס היינגט אף דער וואנט, און זאגן: „עהע, נו, וואס. פונדעסט־וועגן, א גאנץ גוטער רעזולטאט".

איינער פון זיי האט גענומען איינמאל באטראכטן מערין. דאס איז געווען זייער א כאָשעווער מיליטער־דאקטער, מיט א גראָווער עספּאניאָלע[1], מיט א גראַ־בן בויך, מיט א סאך ציילעמער אף דער ברוסט און מיט א ראָזן נאקן פון א גוט אויסגעפּאַשעטן מענטשן. ער האט געהאט אן אויסזעען פון א גוטן און ווייכ־הארציקן. און, עמעס טאקע, ער האט געזאגט:

— עך, דו אומגליקלאכער, דער רואַך זאל דיך נעמען! ניין, זאגט אַליין, אזא פאל—און גראד בא מיר!

דאָס ראָוו פלעג קיינער ניט קומען, אבסאָליוט קיי־נער ניט. און דער טאג, ווי אן אנבייסן, פלעגט פאר־שווונדן, א צעטיילטער אף א מאסע קליינינקע שטי־קעלאך.

איינמאל איז פארגעקומען א געשעעניש: מערין האט מען אוועקגעטראגן צו אויספארשן אים מיט רענטגען־שטראלן[2]). ער האט זיך צוריקגעקערט א צופרידענער, ריידנדיק:

---

[1]) עספּאניאָלע — א שמאל קורץ בערדל אפן שפּיץ פונם קינבאק.

[2]) רענטגען — אזא ארט שטראלן, וואס מע קאן זיי ניט זעען מיטן אויג, אנטדעקט אין 1895 יאר דורכן געלערנטן רענט־גען. דינען צוליב מעדיצינישע צוועקן.

— צום ווינציקסטן, טוט עס ניט וויי!

א צווייטן מאל האט מען אראפגענומען א פוס בא רעוואָן.

ער איז איינגעגאנגען אף דער אָפעראציע, מורמ־לענדיק:

— איך האב געטאן וואס כ׳האב געקאנט, איינצו־היטן דעם פוס! נו, מיילע! פארפאלן! גייען מיר, שלי־מאזל, צי וואס?

ער האט נאכאמאל געלאכט. און קיינער האט נאך קיינמאל ניט געלאכט און וועט ניט לאכן אזוי, ווי רעוואָ האט אין יענעם טאג געלאכט.

דעם פוס האט מען אים טאָקע אראפגענומען. דאָס בעסטע בלוט פראנקרייכס איז ווידער אמאל גערונען, נאר פארגעקומען איז עס צווישן פיר ווענט, אין א קליין צימערל, א ווייסן, ווי א מילך־פערמע, און קײנער האָט דערפון ניט געוווּסט.

רעוואָן האָט מען צוריק אנידערגעלייגט הינטער זיין טיר. ער האָט זיך אופגעכאפט, ווי א קינד, און געזאגט:

— אזוי. נו, האבן זיי מיר אריינגעצימבלט מיט אט דעם פוס!

רעווא האט גאנץ גוט פארבראכט די נאכט, און ווען פרוי באגאן איז אינדערפרי אריין אין דער פאַ־לאַטע, האָט ער, ווי אלעמאל, צו איר געזאָגט:

— גוט, פרוי באגאן, כ׳בין גאנץ גוט געשלאפן.

ער האט עס געזאָגט, דערנאָך פארנויגט די קאָפ אף א זייט, עטוואס צעעפנט דאס מויל — און איז געשטארבן, ניט געמאכט קיין טומל.

פרוי באגאן האט־ געזאגט:

— ארימער רעוואָ! ער אי, אך געשטארבן!

זי האט אים א קוש געטאן אין שטערן און טיי־קעף געגומען צוקלייבן דעם קערפער, ווייל דער טאג איז לאנג, און צייט איז קאַרג.

פרוי באגאן האט אָנגעטאן רעוואָן און דערביי גוטמוטיק געוואָרטשעט, ווייל דער קערפער איז מיט שווערקייט געקראכן אין די טאַכריכים אריין.

סאנדראפּ, מערי און רעמיוזא האבן גארנישט ניט גערעדט.

רעגן איז גערונען איבער די שויבן, וואס האבן אלץ נאך געציטערט פון הארמאטן־שיסעריי.

די דאַמע אין גרינעם

כ׳וואָלט ניט געקאָנט זאָגן, פאַרוואָס איך האָב ליב ראַבאָן.

אַלע פרימאָרגן, דורכגייענדיק צוליב די פליכטן פון מיין אַמט הין און צוריק איבער דער זאַל, פלעג איך זען ראַבאַן, אָדער, פינקטלעכער, ראַבאָס קאָפּ, אָדער, נאָך פינקטלעכער ראַבאָס אויג, וואָס פלעג זיך באַהאַלטן הינטער דער קאָלדרע.

ער איז געווען אַ ביסל ענלעך צו אַ יאָם־כאַזערל, וואָס פאַרגראָבט זיך אין שטרוי און וואַרט אין פּאַכעד אָף אייך.

אַלעמאָל פאַרבייגייענדיק פלעג איך געבן ראַבאָן אַ באַזונדער צייכן. ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך פלעג צומאַכן דאָס לינקע אויג און צונויפדריקן דערביי די ליפּן. און פּונקט אַזוי פלעג טייקעף באַ ראַבאַן זיך צומאַכן דאָס אויג, צעלויפנדיק זיך אין טויזנטער קליינע קנייטשעלאַך איבער זיין פּאָנים, דעם אויסגעמאַטערטן פון קראַנקהייט. דאָס גאָר. אַזוי פלעגן מיר זיך בייטן מיט פריינטלאַכע באַגריסונגען.

ראַבאָ האָט קיינמאָל ניט געלאַכט. ער איז אַמאָל אופגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ דערציִאונג־הויז.

קענטיק, אז קינדווייס האט ער ניט דערעסן, און אזא אפצערונג קאן מען שוין ניט אָניאָגן.

ראבאָ איז געווען אַ געשטופלטער. זיין בלייך פּאַנים איז געווען באדעקט מיט פּאָקן־שפּורן. זיין מארך איז געווען אזוי ארעם, אז ער האט דערמאנט אַ קיניגל*) אדער א פויגל. אז צו אים פלעג זיך ווענדן עמעצער א פרעמדער, פלעג זיין אונטערשטע ליפּ נעמען ציטערן און די קינבאקן האבן געקנאלט, ווי בעיס מע צעקנאקט אַ נוס. מע פלעג אים מוזן געבן אפריער צו פארשטיין, אז מע וועט אים ניט שלאגן. ארעמער ראבאָ! כ׳וואלט אסאך אוועקגעגעבן צו זעען, ווי אזוי ער לאכט. אבער אלצדינג אַרום האט, פארקערט, דערוועקט צום וויינען: די שרעקלאכע אָנאופהערלאכע איבערבאנדאזשירונגען אלע טאג אין פארלויף פון כאדאשים, די לאכלוטנדיקע אומבאוועגלאכקייט, וואס האט געשטערט ראבאָן שפּילן מיט זיינע כאוויירים. אגעוו, האט ראבא אליין קיין שום שפּילן ניט געקענט און זיך מיט קיין שום זאך ניט אינטערעסירט.

איך בין, דאכט זיך, געווען דער איינציקער, וואס האט זיך מיט אים דערנעענטערט, און, ווי געזאגט, האט זיך עס אויסגעדריקט אין דעם, וואס, גייענדיק פארביי זיין געלעגער, פלעג איך צומאכן דאס לינקע אויג.

ראבא האט ניט גערויכערט. אז מע פלעג טיילן ציגארעטן, פלעג ראבא נעמען זיין כיילעק און א גע־

---

*) א קיניגל — א קראליק.

וויסע צייט זיך שפּילן מיט זיי, דרייענדיק זיי אין זיינע מאָגערע פינגער, מעשונע־מיעסע פון לאַנגן ליגן אין בעט. די פינגער פון אַ קראַנקן אַרבעטער זייַנען ניט שיין. ווען זיי פאַרלירן זייערע מאָזאָליעס, זייער שטייפקייט, — האָבן זיי גאָר קיין פּאָנים ניט.

איך טראַכט, אַז ראַבאָן פלעג זיך שטאַרק וועלן פאַרלייגן די שכיינים זיינע ציגאַרעטן, נאָר ס׳איז אַזוי שווער צו ריידן, באַזונדערס, ווען דו ווילסט עמעצן עפּעס געבן.

און די ציגאַרעטן פלעגן זיך באַדעקן מיט שטויב אויפן טישל, און ראַבאַ איז געלעגן, אויסגעצויגן אויפן רוקן, אַ קליינינקער און אַ גלייכער, ווי אַ שטרוי־עלע, וואָס דער מילכאָמע־געוויטער האָט עס אַוועקגעטראָגן, און סע פאַרשטייט ניט, וואָס קומט דאָ פאָר.

איינמאָל איז אין צימער אַריין־אַן אָפיצער און איז צוגעגאַן גלייך צו ראַבאָן.

— אָט דאָס איז ער? — האָט ער געפרעגט. — וואויל! כ׳האָב אים געבראַכט אַ מעדאַל און אַ מיליטערישן קרייץ.

ער האָט געגעבן ראַבאָן צום אונטערשרייבן אַ פּאַפּירל און האָט אים איבערגעלאָזט אויג אויף אויג מיט די צאַצקעלאַך. ראַבאַ האָט נישט געלאַכט, ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטעלע פאַר זיך אויף דער קאָלדרע און געקוקט אויף דעם, אָנגעהויבן פון ניין אַזייגער אינדערפרי ביז דריי אַזייגער נאָך מיטאָג. דריי אַזייגער האָט זיך אומגעקערט דער אָפיצער און געזאָגט:

— כ׳האב אַ טאָעס געהאט, ס׳איז ארויסגעקומען אַ גרייז. זיי זיינען נישט פאר ראבאָ, אט די צייכנס, זיי זיינען פאר ראבו.—ער האט גענומען דאס קעסטעלע, צעריסן דעם צעטל און איז אוועק.

ראבא האט געוויינט פון דריי אזייגער באטאג ביז ניין אזייגער אינאוונט, ווען ער איז איינגעשלאפן. אף מארגן האט ער גענומען ווייגען פון אינדערפרי. דער עלטערער דאקטער גאססען, א גוטהארציקער מענטש, איז אוועק אין שטאָב און איז געקומען פון דארטן צוריק מיט א מעדאל און אַ קרייץ, וואס זיי־נען ענלאך געווען צו אלע אנדערע. ער האט אויך געגעבן ראבאן צום אונטערשרייבן אַ ניי פאפירל.

ראבא האט אופגעהערט צו וויינען. אף זיין פאנים האט זיך געלייגט אַ שאטן, א שאטן פון אומצוטרוי, פונקט ווי ער וואלט מוירע געהאט, טאמער וועט מען אין איין שיינעם טאג צו אים ווידער קומען און צו־נעמען זיינע שפילעכלאך. ס׳זיינען אריבער עֲטלאכע וואכן. איך האב אפט געקוקט אף ראבאָס פאנים און אלץ באמיט זיך פארשטעלן, ווי סע זעט אויס לאכנ־דיק. כ׳האב זיך באמיט אומזיסט: מע האט געזעען, אז ראבא קאן ניט לאכן, אז זיין קאפ איז נישט צוגע־פאסט צום לאכן. און אט דענסטמאל האט זיך באוויזן די דאמע אין גרינעם.

זי איז ארײַן אין איין שיינעם פרימארגן דורך איינער פון די טירן, גלייך ווי אלע מענטשן. אבער זי איז ניט געווען אזא, ווי אלע מענטשן: זי איז גע־ווען אנגעטאן ניט אזוי, ווי ס׳זיינען אנגעטאן די באַ־דינערנס פון דער פאַלאטע, ניט אזוי, ווי ס׳זיינען

אָנגעטאָן די מוטערס און פרויען, וועלכע קומען באזוכן זייערע מאַנען און זין. זי איז אויך נישט געווען ענלאך צו יענע דאַמען, וואָס באַגעגענען זיך אין גאַס. זי איז געווען אַסאַך שענער, אַסאַך גרויסאַרטיקער. זי האָט דערמאַנט אָן יענע פייעס*), וואָס מע קאָן זען אויף די גרויסע פאַרביקע קאַלענדאַרן, אונטער וועלכע די קינסטלער שרייבן אונטער: „טרוים", אָדער „מעלאַנכאָליע", אָדער נאָך: „פּאָעזיע".

ארומגערינגלט האָבן זי שיינע אָפיצערן, זייער פיין געקליידעטע, וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער דינסטפאַרטיקייט צו איר קלענסטן וואָרט און אַרויסגעוויזן איר אַלע צייכנס פון לעבעדיקסטער אויפמערקזאַמקייט.

— לאָמיר אַריינגיין אַהער, האָרנטע, — האָט געזאָגט איינער פון זיי, — איר האָט דאָך געוואָלט אָנקוקן די פאַרוווּנדעטע.

זי האָט געמאַכט צוויי טריט, שטיל זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט מיט אַ ברוסט־קאָל:

— אַרעמע מענטשן!

די גאַנצע פּאַלאַטע האָט זיך אָנגעשטעלט. טאַררײַסאַן האָט איבערגעביטן זיינע קוליעס, וואָס איז געווען בא אים אַ סימען פון אויפגערעגטקייט. דאַמאַנזש און בערניע האָבן אויפגעהערט שפּילן אין קאָרטן און זיי אַנידערגעלייגט צו זיך אויפן בויך, צוהאַלטנדיק, קעדיי צעטראָגענערהייד ניט באַווייזן איינער דעם אַנדערן. פּופּאָ האָט זיך ניט באַוועגט, ווייל ער איז

*) פּ י י ע — אַ גייסט אין פרויען־געשטאַלט.

געוועז פאראַליזירט, נאר מע האט געזעען, אז ער הערט זיך איין מיט אלע קויכעס.

די דאמע אין גרינעם איז צוגעגאנגען פריער פאר אלע צו סאררי, דעם נעגער.

— דיך רופט מען סאררי? — האט זי געזאָגט, קוקנדיק אפן ברעטל[1].

דער נעגער האט גענומען צושאקלען מיטן קאָפּ און די דאמע אין גרינעם האט ווייטער גערעדט, אויסשפּרעכנדיק די ווערטער איינגענעמען און מעלאָדיש, ווי יענע דאמען, וואס שפּילן אף דער סצענע.

— דו ביסט געקומען, סאררי, קיין פראנקרייך, צו שלאגן זיך דאָ, און דו האסט פארלאזט דיין שיין לאנד, דעם שמעקנדיקן און פרישן אָאַזיס[2] אין אקעאן פון הייסן זאמד.

אך, סאררי! ווי שיין זיינען די אוונטן אין אפריקע, אין יענער שאַ, ווען דאס מיידל גייט צוריק מיט דער פּאַלעם-אלייע, טראגנדיק אפן קאָפּ — א קאָפּ פון א טונקעלער סטאטוע — די אראמאטישע אַמפאָרע[3], אן אנגעפילטע מיט האניק און מיט קאָקאָס-מילך.

1) ברעטל — איבערן געלעגער פון יעדן קראנקן אין דער פּאלאטע הייבגט געווייגלאך א ברעטל מיט זיין נאמען און פא-מיליע.

2) אָאַזיס — א שטאָך ערד צווישן מידבער, באפייכט מיט וואסער און באוואקסן מיט גרינס.

3) אמפאָרע — א ליימענער קרוג בא די גריכן און רוימער, מיט א שפּיציקן דנאָ און מיט צוויי הענטלאך.

די אפיצערן האבן ארויסגעלאזט א פליסטער[1]) פון היספיילעס, און סאררי, וואס האט פארשטאנען פראנ־צויזיש, האט געזאָגט, צושאקלענדיק מיטן קאָפּ:

— קאָקאָס... קאָקאָס...

די דאמע אין גרינעם האט זיך שוין געגליטשט ווייטער איבער די ברוק־טאוולען. זי איז צוגעגאנגען ביז צו ראבאָ און שיין זיך צוגעזעצט אפן ברעג פון בעט, ווי א שוואלב אף א טעלעגראפן־פאדים.

— ראבאָ, — דו ביסט א העלד!

ראבא האט ניט געענטפערט גאָרניט, נאר, ווי־געוויינלאך, אפגעקערט די אויגן, ווי א קינד, וואס שרעקט זיך פאר א פּאַטש.

— אך, ראבאָ — האט געזאָגט די דאמע אין גרי־נעם — וויפל דאנקבארקייט זיינען מיר שולדיק אייך, אייך, וואס היטן אָפּ די גאַנצקייט פון אונזער שיינער פראנקרייך? נאר, ראבא, דו האסט שוין באקומען דעם גרעסטן לוין: רום! דער ענטוזיאסטישער ברען פון שלאכט! אָט דער זעלטענער ציטער, ווען דו יאָגסט פארויס; אט די הארמאטן, וואס גלאנצן אף דער זון, און דער פארגעניגן, ווען דו שטעכסט אריין דאס נעקאָמעפולע אייזן אין דעם סוינעס בלוט, און דערנאך אט דער הויכער צאַר — צו פאלן פאר אלעמען, — די הייליקע ווונד, וואס פארוואנדלט דעם העלד אין א גאט. אך, ס'ארא שיינע זיכרוינעס, ראבאָ!

---

[1]) א פליסטער — א שעפּטשען.

[2]) רום — קאוועד, ערע.

די דאמע אין גרינעם איז אנשוויגן געווארן, און אַן ערפּארכטיקע שטילקייט האט באהערשט די פּאַלאטע.

און דא איז געשעען אזוינס, וואס מע האט ניט פאַררויסגעזעען: ראבא האט אופגעהערט געראָטן צו זיין אין זיך אליין. אלע זיינע שטריכן האבן זיך צונויפגעקרעמפּט, אויסגעקרימט, זיינען געווארן קימאט שוידערלאך. א הייזעריקער קלאנג האט זיך גענומען שטויסן פון זיין מאָגערער ברוסט ארויס,— און אלע האבן דערהערט, אז ראבא לאכט.

ער האט געלאכט דריי פערטל שאָ. די דאמע אין גרינעם איז שוין געווען אַוועק, און ראבאָ האט נאך אלץ געלאכט—אָפּגעריסן אזוי, ווי מע הוסט, ווי מע כאָרכלט.

זינט יענער צייט האט זיך אין ראבאָס לעבן עפּעס געענדערט. אז ער פלעג זיך קלייבן וויינען אדער ס'האט אים ווי געטאָן, האט מען נאך געקאָנט באַוואָרענען פון געוויין און ארויסרופן בא אים א גרינגן געלעכטער. מע האט נאר געדארפט באצייטנס זאָגן:

— ראבאָ, אט רוף איך אריין די דאמע אין גרינעם.

מערסיעס טויט.

מערסיע איז געשטאָרבן.

און איך האב געזעען: זיין גוף האט געוויינט...

מע האט אים נאר וואס אפגעוואשן דאס פאנים און צוגעקעמט די גראָוע האר.

איך האב געזאגט:

— איר זייט נאך ניט אלט קיין פערציק יאר, מיין ארימער מערסיע, און אייערע האר זיינען שוין קימאט גראוו.

— יאָ, מיין גאנץ לעבן האב איך געוווּסט נאר לייד און זארג. איך האב אזויפיל געארבעט! און אזוי ווינ־ציק געזעען גליק...

זיין שטערן איז צעאקערט פון קנייטשן און פאלבן. טויזנטער אנטוישונגען האבן איבערגעלאזט אף אים שפורן ניט אפצומעקן. נאר זיינע אויגן שמייכלען טאָ־מיד. אט דאס פארוועלקטע פאָנים לייכט זיך מיט גרוי־סער זויבערקייט.

— איר וועט מיך אויסהיילן, דאקטער, און עפּ־שער, וועל איך זיין גליקלאכער...

איך ענטפער:—יא.
און טראכט:
—ניין, הארציקער, צום באדויערן,—ניין.
אומגעריכט רופט ער מיך ווידער צו. זיינע שמייכלענדיקע אויגן פארציען זיך מיט א ברוינעם רינג. שוויס טראפנווייס שלאגט ארויס אף זיין שטערן.
—גיכער !— זאגט ער,—מיר איז שלעכט, זייער שלעכט. איך וועל אוואדע שטארבן.
מיר איילן געבן הילף דעם ארעמען אפגעשוואכטן גוף. נאר אף זיין פּנים שפיגלט זיך דער פאכעד. די הענט אף דער קאלדרע ציטערן קאם באמערקלאך. און מער—קיין שום סימאנים פון לעבן.
מיר בויגן זיך אנגעשטריינגט איין איבער אים. איך פיל, ווי זיין הארץ שטעלט זיך אפ, זע, ווי פיינלאך ער כאפט מיטן מויל א קליינינקן נעבאכדיקן זופּ לופט.
נאכאמאל רייסט ער זיך ארויס פון די קלעמען פון ווייטעק. זיין האנט מאכט א שוואכע באוועגונג איינצוהאלטן מיינע.
— בלייבט מיט מיר — זאגט ער מיר,—כ'האב מוירע...
איך בלייב מיט אים. דער שוויס אפן שטערן טריקנט אויס. דער שווערער שלאָג איז אריבער. לופט באלעבט ווידער די אויסגעמאטערטע ברוסט. די מילדע אויגן שמייכלען ווי פריער.
— איר וועט מיך. פונדעסטוועגן, אויסהיילן,—נישט עמעס, דאקטער?—זאגט ער.—צופיל אומגליקלאך איז שוין מיין לעבן געווען, איך זאל איצטער שטארבן.

איך דריק און מינטער זיין הארטע האנט און פיל, ווי זי רואיקט זיך אין מיינע הענט. איך האב די פינגער געשטעקט אין זיין פלייש, זיין בלוט איז אי־בער מיינע הענט גערונען. אזא בונד איז שטארק.

ער ווערט אינגאנצן רואיק. איך רעד מיט אים וועגן זיין היים. פריער איז ער געווען א בעקער אין איינעם א דערפל אין אווערני. איך קען יענע געגנט, איך בין דארט געווען פרידנס־צייט. אינײנעם דערמא־נען מיר זיך דעם רייאַך פון יאלעווען[1]) זומער אף די באַרגאַראָפּן און דעם זעלטענעם מינעראלישן טאם פון דער וואסער אינם בארג־שטראָם.

— אָ!—זאגט ער—איך וועל די גאנצע צייט קוקן אף אייך.

— קוקן אף מיר, מערסיע?

ער איז גאר א פּראָסטער מענטש, ער באמיט זיך ארויסגעבן זיין גדאנק פארשטענדלאכער און איז מויסעף:[2])

— אין די אויגן אייך... כ'וועל די גאנצע צייט קוקן אייך אין די אויגן...

אבער וואס זעט ער דארטן? וואס שפּיגלט זיך עס אָפּ מיטאַמאל אין זיינע אויגן?

— איך מיין... הכ־כ־כ... אט הויבט זיך עס ווידער אָן...

יא, דער שלאָג כאזערט זיך איבער. ניט געקוקט אף אלע אונזערע אנשטריינגונגען, גרייפט ער ווידער

---

[1]) יאלעוועץ — אזא ,מין קוסט (можжевельник)

[2]) מויסעף זיין — צוגעבן.

אָן אף זיין קאָרבן. דאס מאל זײַנען מיר אָנמעכטיק צו העלפן.

— איך פיל, אז איך שטארב,—שעפּטשעט ער.

די שמייכלענדיקע אויגן בעטן נאך:

ראטעוועט, ראטעוועט...

איך זע, ווי א שאָטן פון א גרויסן פליגל פאלט אפן פּאָנים.

ער זאָגט:

— בלייבט מיט מיר.

יאָ, איך בלייב מיט דיר, און וועל האלטן דיינע הענט. מיט וואס נאך קאָן איך העלפן?

זיינע נאזלעכער ציטערן. שווער אפצולעבן פער־ציק יאר, ניט וויסנדיק פון קיין גליק, און אף אייביק פארגעסן דעם ביטערן רייאַך פון היימישן יאַלעוועץ.

זיינע ליפּן ציען זיך צונויף און פאלן ווידער אפּ אָן האפענונג. שווער צו מאטערן זיך פערציק יאר און ניט אויסטרינקען אין לעצטער דארשט קוואל־וואסער פון היימישן שטראם.

שוויס רינט ווידער אראָפּ איבער זיין שטערן. אָ, ווי שווער ס׳איז צו שטארבן, ווען פאר אלע פערציק יאר איז קיין צייט ניט געווען אפּווישן דעם שטערן, וואס איז צעהיצט פון ארבעט!—א קארבן אָן א שיר.

די אויגן שמייכלען נאך שוואך. זיי שמייכלען ביז צו דער לעצטער סעקונדע. ער רעדט שוין נישט מער. ער אטעמט ניט מער. דאס הארץ גיט נאך איינעם־צוויי שטרויכלענדיקע קלעפּ. נאָכדעם שטעלט זיך עס אָפּ, ווי א פערד, וואס קאן ניט גיין ווייטער.

מערסיע איז געשטארבן. זיינע פארברייטערטע שווארצאפלען קוקן אין ערגעץ א גלעזערנער אפגרונט. אלץ איז פארענדיקט. ער וועט שוין ניט אופשטיין.

און דענסטמאל רינען ארויס פון דעם געשטארבענעמס אויגן טרערן און לויפן איבער די באקן. איך פיל, ווי סע פארציען זיך זיינע שטריכן צום וויינען אין אייביקייט. לאנג נאך האלט איך אין מיינע הענט דעם געשטארבענעמס האנט.

אינהאלט.

זייט

1. רעוואָס פאַלאטע 3
2. די דאמע אין גרינעם 17
3. מערסיעס טויט 25

פאפולערע ביבליאטעק

I סעריע — בעלעטריסטיק

1. דזשעק לאנדאן—אין נאמען פון גערעכטיקייט.
2. אי. באבעל—דערציילונגען.
3. הענרי—די וועגן, וואס מיר קלייבן זיך אויס.
4. זש. דיואמעל—דערציילונגען.
5. סאלטיקאָוו־שטשעדרין — ווי אזוי איין פויער האָט צוויי גענעראַלן געהאָדעוועט.
6. ה. אועלס—גאָט—דינאַמאָ.
7. ל. פראנק—אין לעצטן וואגאָן.
8. דע־ווער־סטעקפול—אין די וועלדער פון קאָנגאָ.